# תלמוד תורה "יטב לב" דרבינו יואל

## מסאטמאר

נתיסד ע"י כ"ק מו"ר רבינו הק' בעל רבי יואל זי"ע
בהמשכת כ"ק מו"ר רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א

בעיה"ק ירושלים תובב"א

בעזהשי"ת

# וירא

## קינדער גארטן

**המלמדים:** הר"ר **שמואל גדליה לייפער** הי"ו
הר"ר **יואל היילברון** הי"ו

# שאלות לפרשת השבוע

**א. וועלכע פרשה גייט די וואך?**
וירא.

**ב. וועלכע מצוה האט אברהם אבינו שטארק ליב געהאט צו מאכן?**
אריינעמען געסט.

**ג. וויפל טירן האט אברהם אבינו געהאט ביי זיין געצעלט?**
פיר טירן.

**ד. פארוואס זענען די מענטשן נישט געגאנגען אין גאס ?**
ווייל ס'איז געווען שטארק הייס.

**ה. וועמען האט דער אויבערשטער געשיקט צו אברהם אבינו'ס שטוב?**
דריי מלאכים.

**ו. וואס האט דער מלאך געזאגט פאר אברהם אבינו?**
די אנדערע יאר וועט שרה האבן א איינגלע בובעלע.

**ז. ווי אזוי האט געהייסן די נייע בובעלע פון אברהם אבינו?**
יצחק.

**ח. וואס מאכט מען פאר א אינגעלע בובעלע וואס ווערט אכט טעג?**
א ברית.

**ט. פארוואס האט דער מלאך איבערגעדרייט סדום?**
ווייל זיי זענען געווען גאר שלעכטע מענטשן.

**י. פארוואס האבן די שלעכטע מענטשן געלייגט האניג אויף די מיידעלע?**
ווייל זי האט געגעבן צו עסן פאר א ארעמאן.

**יא. וואס איז געשען פאר די מיידעלע?**
די בינען האבן איר געשטאכן.

## עניני פרשת השבוע

די וואך דערציילט אונז די הייליגע תורה ווי אברהם אבינו האט גאר שטארק ליב געהאט די גרויסע און חשוב'ע מצוה פון הכנסת אורחים, ד.ה. ווען א מענטש איז אריבער פון זיין שטוב האט ער אים מכבד געווען מיט עסן, טרינקען און שלאפן.

ווען אברהם אבינו האט זיך נישט געפילט גוט און ער האט נישט געהאט קיין כח צו אויפנעמען געסט און זיי מכבד זיין מיט עסן און טרינקען, האט דער אויבערשטער געוואלט אז ער זאל זיך נישט דארפן מוטשען מיט געבן צו עסן פאר די געסט, האט דער אויבערשטער געמאכט אז ס'זאל זיין גאר שטארק הייס, כדי קיינער זאל נישט קענען ארויסגיין פון שטוב, און קומען צו אברהם

אבינו'ס שטוב.

אבער אברהם אבינו האט דאך גאר שטארק געוואלט מכבד זיין געסט און זיי געבן צו עסן, און ער האט געזען אז קיינער קומט נישט צו אים, האט ער זיך אוועקגעזעצט ביי די טיר פון שטוב, אז אויב ער וועט זען א מענטש אריבערגיין וועט ער אים אריינרופן ביי אים אין שטוב צו אים געבן עסן.

דער אויבערשטער האט געזען אז ער האט גרויס צער אויב עס קומען נישט קיין געסט, האט דער אויבערשטער געשיקט צו אים דריי מלאכים פארשטעלט אויף מענטשן, און זיי זענען געקומען צו אברהם אבינו'ס געצעלט. אברהם אבינו האט זיך גאר שטארק געפריידט אז ס'זענען געקומען צו אים געסט, און ער האט זיי געגעבן געשמאקע עסן מיט מצות, ווייל ס'איז געווען פסח, און זיי זענען געזעסן אונטערן בוים און זיי האבן זיך געמאכט ווי זיי עסן.

נאכן עסן האט איין מלאך געגעבן א ברכה פאר אברהם ער זאל געבוירן א אינגעלע בובעלע, און ס'איז געבוירן געווארן א אינגעלע בובעלע פאר אברהם אבינו, און מ'האט אים געמאכט א ברית, מען האט א נאמען געגעבן "יצחק". איין מלאך האט אויסגעהיילט פאר אברהם אבינו. און איין מלאך האט איבערגעדרייט סדום ווייל זיי זענען געווען גאר שלעכטע מענטשן, זיי האבן נישט געלאזט אריינעמען געסט און געבן עסן פאר ארעמעלייט.

די שלעכטע מענטשן פון סדום האבן איינמאל געכאפט א מיידל ווי זי האט געגעבן עסן פאר א ארימאן, מען האט איר אנגעשמירט מיט אסאך האניג, און מ'האט איר אריינגעלייגט אין א פלאץ וואו ס'איז דא אסאך בינען און די בינען האבן איר צושטאכן.

זיי האבן זיך געפירט דאס פארקערטע פון אברהם אבינו וואס האט זייער ליב געהאט די מצוה פון הכנסת אורחים.

# שבח ושירה



1) צוה ישועות יעקב.

2) וועלכע פרשה איז די וואך פר' וירא. (בניגון תורת ה' תמימה)

# קאליר

וועלכע קאליר איז דאס?

## גרין

# ברכה

וועלכע ברכה מאכט מען אויף קלאמאנטינעס?



ת) בורא פרי העץ


פרשת וירא
די בילד איז גענומען
פון די ביכל "עיר לילדי"


די בילד איז גענומען
פון די ביכל "עיר לילדי"





! די בילד איז גענומען


די בילד איז גענומען
פון די ביכל "עוד לילד"


די בילד איז גענומען
פון די ביכל "עוד לילד"